לקוטי שיחות



BACK2BASICS

פרשת מטות-מסעי

MATOS-MASSAI

# THE ENDLESS JOURNEY OF PRAYER

*The Jewish people traveled fourty two times in the desert and each time they were "leaving Mitzrayim". How was every individual travel connected to Mitzrayim if they only left once? A special lesson in our service of Hashem.*

# פרשת מטות ומסעי

1 א. עס שטייט אלה מסעי בני ישר־אל אשר יצאו מארץ מצרים, מסעי לשון רבים, ד. ה. אַז עס זיינען גע־ווען אַ סך מסעות דורך וועלכע די אידן זיינען אַרויס פון מצרים. איז באַוואוסט אויף דעם די קשיא, די אידן זיינען דאָך אַרויס פון מצרים מער ניט ווי מיט איין מסע, דער מסע פון רעמסס קיין סוכות (די איבעריקע מסעות זיינען דאָך געווען שוין נאָך דעם ווי די אידן זיינען אַרויס פון מצרים), הייגט פאַרוואָס שטייט מסעי לשון רבים?

2 אויך דאַרף מען פאַרשטיין דעם ענין פון די מ״ב מסעות וועלכע זיינען געווען זינט די אידן זיינען אַרויס פון מצרים ביז זיי זיינען געקומען קיין ארץ ישראל, ארץ טובה ורחבה. וואָרום באַלד מיטן ערשטן מסע, ווי זיי זיינען נאָר אַרויס פון מצרים, לשון מצרים וגבולים, איז דאָס דאָך שוין מרחב. ווי מען גייט נאָר אַרויס פון מיצר געפינט מען זיך במילא במקום המרחב — הייגט וואָס גיט צו דער ענין פון די מ״ב מסעות אין דער זאַך פון מרחב?

3 נאָר דער ענין אין דעם איז, אַז אין מצרים ומרחב זיינען פאַראַן כמה וכמה מדריגות; דאָס וואָס לגבי אַ נידעריקערער מדריגה הייסט מרחב, איז לגבי אַ העכערער מדריגה הייסט עס נאָך מצרים, ביז מען קומט צו צום אמת׳ן מרחב, צום לעצטן מסע, על ירדן יריחו, וואָס דאָס גייט אויף משיח׳ן דמורח ודאין[1]. ביז דעמאָלט, איז הגם אַז לגבי נידעריקער איז דאָס אַן ענין פון מרחב, אָבער לגבי העכער איז דאָס מצרים.

און דאָס איז דער ענין פון די מ״ב מסעות וועלכע זיינען געווען פון מצרים, ביז ארץ טובה ורחבה. מיטן ערשטן מסע, איז הגם אַז מען איז שוין אַרויס פון מצרים און אַריין — במילא — אין מרחב, איז אָבער לגבי אַ העכערער מדריגה איז דאָס נאָך אַן ענין פון מצרים, דערפאַר דאַרף זיין נאָך אַ מסע אויף אַרויס־גיין אויך פון דעם מצרים. און דאָס איז דער לשון אלה מסעי (לשון רבים) גו׳ אשר יצאו מארץ מצרים, וואָרום אויך דער ענין פון די איבע־ריקע מסעות איז צו אַרויסגיין פון מצרים, ביז מען קומט צו צום ירדן יריחו, דער תכלית העילוי.

4 ב. תורה איז דאָך אַ נצחית בכל דור ודור, ובפרט דער ענין פון יצי־את מצרים, וואָס עס שטייט[2] אויף דעם: חייב אדם לראות את עצמו כאילו הוא יצא היום ממצרים, איז דאָס אַ הוראה אין עבודה, אַז אויך בשעת מען האָט שוין גע׳פּועל׳ט ביי זיך אַן עבודה שלמעלה מטעם ודעת, למעלה ממדידה והגבלה, וואָס דער־מיט איז מען אַרויס אויך פון מצרים דקדושה, איז דאָס נאָך ניט גענוג, וואָרום לגבי העכער איז דאָס נאָך אַלץ מצרים, במילא דאַרף מען ווײ־טער אַרבעטן און ווייטער גיין.

5 מען וועט דאָס פאַרשטיין אויך פון דעם ענין פון עבודת התפלה. וואָס דאָס — עבודת התפלה — איז עבודת

1) סנהדרין צג, ב. לקוטי תורה במדבר פח, ג.

2) פסחים פרק עשירי משנה ה. תניא פרק מז.

**1** **This week's Parsha begins with the** words "אלה מסעי בני ישראל אשר יצאו ממצרים" - "These are the travels of the Jewish people who left Egypt". This Possuk seems to be implying that all of the Jewish people's travels were a part of Yetzias Mitzrayim. The question is asked: Only the original travel was the one that got them out of Mitzrayim, why would the Possuk associate Yetzias Mitzrayim with every one of the following 41 travels as well?

**2** **It is well known that the whole experi**ence of the Jewish people leaving Mitzrayim represents a very spiritual journey as well. Mitzrayim comes from the Hebrew word Meitzar-limitation, and leaving Mitzrayim represents a Jewish person breaking free of boundaries that had limited his service of Hashem. Every person sets certain limits on how far he is willing and able to go in order to perform Torah and Mitzvos. Yetzias Mitzrayim is breaking free of these self-imposed boundaries and going the extra mile. This being the case, it would seem sufficient to break free from those restrictions with a single journey, for once a person has left the confines that were restraining him, he is now "free". Yet, we find that the initial journey from the land of Mitzrayim was followed by another 41 travels.

**3** **When it comes to a person leaving** Mitzrayim, which means his own personal limitations, he must be able to recognize that borders will exist on every single level he may reach, no matter how lofty. The boundaries may not be as powerful or strong, but they will be there. For this reason, a person must constantly strive to always "leave Mitzrayim" over and over again. For although relative to where he is coming from, he has now found "freedom", with regard to the spiritual levels that he has yet to achieve, he is still

## Translations. . .טייטש'ן

| | | |
|---|---|---|
| 1 | It states | עס שטייט |
| | These are the travels | אלה מסעי |
| | This means | ד.ה. (=דאס הייסט) |
| | Many | א סך |
| | Through which | דורך וועלכע |
| | Left | זיינען ארויס |
| | Known | באוואוסט |
| | No more than one | מער ניט ווי איין |
| | Remaining | איבעריקע |
| | Already after | שוין נאך |
| 2 | Also | אויך |
| | We must understand | דארף מען פארשטיין |
| | 42 | מ"ב |
| | Since | זינט |
| | Until | ביז |
| | They | זיי זיינען |
| | Came to | געקומען קיין |
| | Good and broad/wide | טובה ורחבה |
| | Since | ווארום |
| | Immediately | באלד |
| | Restrictions and boundaries | מצרים וגבולים |
| | What is gained | וואס גיט צו |
| 3 | There are | זיינען פאראן |
| | Lower | נידעריקערער |
| | Is called/considered | הייסט |
| | Higher/greater | העכערער |
| | Still "Mitzrayim" | נאך מצרים |
| | Last | לעצטן |
| | Will be able to judge by smelling | דמורח ודאין |
| | Until then | ביז דעמאלט |
| | Already out | שוין ארויס |
| | Into | אריין |
| | Still | נאך |
| | Another | נאך |
| | Also leave | ארויסגיין אויך |
| | Remaining | איבעריקע |
| | The ultimate greatness/perfection | תכלית העילוי |
| 4 | Everlasting | נצחית |
| | Automatically one is found | געפינט מען זיך במילא |
| | Already caused/effected by himself | שוין גע'פועל'ט ביי זיך |
| | Above reason and understanding | שלמעלה מטעם ודעת |
| | Limits and boundaries | מדידה והגבלה |
| | With that | דערמיט |
| | The "limitations" of holiness | מצרים דקדושה |
| | Still not enough | נאך ניט גענוג |
| | Because | ווארום |
| | Work more | ווייטער ארבעטן |
| | Go further | ווייטער גיין |

האדם, ווי עס איז באַוואוסט דער אונטערשייד[3] צווישן תורה און תפלה, אַז תורה איז מלמעלה למטה, און תפלה איז עבודת האדם מלמטה למע-לה, אַ סולם מוצב ארצה וראשו מגיע השמימה[4], וואָס מען גייט מלמטה למעלה, אַרויסגיין פון מקום המיצר למקום המרחב.

איז דאָך ידוע אַז אין תפלה זיינען פאַראַן כמה וכמה עליות, וואָס מיט יעדער עלי' גייט ער אַרויס פון זיין פריערדיקן מצב, און פונדעסטוועגן איז דאָס ניט גענוג, אַח מען דאַרף גיין העכער און העכער.

6 די ערשטע עבודה איז די הכנה צום דאַוונען: אַזוי ווי ער גייט דאָך דאַוונען צום אויבערשטן הבלתי בעל גבול ובלתי בעל תכלית, און ער — דער אדם — געפינט זיך דאָך אין אַ גוף ונפש הבהמית, ובפרט כשמלוכלך על ידי החטא, איז ווי זאָל ער זיך שטעלן דאַוונען? מוז ער זיך פריער באַפרייען פון אַלע זיינע ענינים, און פון דיך גאַנצער מציאות, און דאַן שטעלן זיך דאַוו-נען.

דאָס אַליין, דער שטעלן זיך דאַוו-נען, נאָך איידער ער דאַוונט, נאָך איידער ער האָט אָנגעהויבן זאָגן הודו, אָדער מה טובו, נאָר דאָס אַליין וואָס ער טוט אָן דעם גאַרטל און שטעלט זיך דאַוונען, דערמיט אַליין גייט ער דאָך אַרויס פון זיינע ענינים, און ער ווערט מזוכך, דאָס הייסט, ער גייט אַרויס פון זיינע מצרים וגבולים.

— דערמיט וועט מען אויך פאַר-שטיין, וואָס עס שטייט אויך אין נגלה דתורה, אַז קודם התפלה יפנה ויטול ידיו[5], יפנה מיינט, אַרויסנעמען פון זיך די פסולת שבגלוי ושבפנימיות; נאָך דעם איז יטול ידיו, אַרויסנעמען די טומאה, וואָס עס איז נאָר אַן ענין פון מקיף, אין פנימיות איז דאָ גאָרנישטאָ[6], איז אויך פון דעם דאַרף מען פטור ווערן פאַרן דאַוונען —

7 פונדעסטוועגן איז ער דערמיט אַליין נאָך ניט יוצא, ערשט דעמאָלט דאַרף ער זיך שטעלן דאַוונען, אָנהויבן זאָגן הודו, וואָס דעמאָלט גייט ער אַרויס אויך פון דער מציאות ווי ער שטייט נאָך זיין הכנה צום דאַוונען, וואָס לגבי העכער איז דאָס נאָך אַ מיצר וגבול; גייט ער אַרויס אויך פון דעם מיצר אל מקום המרחב.

און אַזוי אויך אין תפלה גופא זיינען פאַראַן כמה וכמה עליות, וואָס בכל-לות טיילט זיך דאָס אויף ד' שלי-בות[7] (די עליות זיינען על ידי שם מ"ב כידוע), וואָס יעדער מדריגה לגבי דער העכערער איז נאָך אַלץ אַן ענין פון מיצר וגבול.

ביז מען קומט צו צו שמונה עשרה,

---

3) אגרת התשובה פרק י. תורה אור א, ג. ספר המאמרים ה'תש"ח עמוד 80.

4) זהר חלק א רסו, ב. חלק ג שו ב. תיקוני זהר תיקון מה.

5) ברכות טו, א. שלחן ערוך אדמו"ר הזקן מהדו"ק סימן ב סעיף ח.

6) ועל דרך מ"ש הרמב"ם בהל' מקואות פרק יא הלכה יב. במדבר רבה אָנפאַנג פרשת חוקת. און זע לקוטי תורה ויקרא כט, א: חוקה חקקתי גזירה גזרתי, והיינו שבענין הטומאה איז גאָרנישטאָ קיין פסולת וואַס מען זאָל קענען אָנזען, עס איז מער ניט ווי אַן ענין פון חוקה חקקתי כו'.

7) ספר המאמרים ה'תש"ח עמוד 80.

found in "Mitzrayim". This is why one journey did not suffice for the Jewish people as they were leaving Mitzrayim, but rather they continued to travel over and over again. The Jewish people recognized that one can never be content or happy with where he is holding, but rather must constantly reach new heights. This is also the reason why the Torah connects each of the forty two travels to Yetzias Mitzrayim. Because, during each travel they were breaking free from the limitations of that specific place, and thus it was yet another "Yetzias Mitzrayim".

4 **The Alter Rebbe says "A person is obligated** to see himself as if he went out from Mitzrayim every single day". Every single Jew has the obligation to implement this concept into his daily life in his service of Hashem. A person may feel that he has already broken the boundaries that had prevented him from serving Hashem properly, and now he is "free." However, he must recognize the need to constantly grow, and there are still limitations he must free himself from. They may even be "spiritual confines", that have a place in Halacha, but he must go above and beyond any reasoning in order to do the will of Hashem.

5 **We see this idea of constantly going** higher and transcending our limits through the daily routine of Davening. In general, Davening is a person's opportunity to raise himself up to Hashem, whereas Torah learning serves as a channel to draw G-dliness down into this world. We find throughout Davening that a person is constantly climbing upwards, yet never becomes satisfied. Every new stage in Davening expresses a Jew's discontent with the spiritual heights he has achieved, however great they may be, and the desire to "break free" to greater levels.

6 **The Rebbe now goes through differ**ent stages of Davening and explains how each one brings about a tremendous accomplishment. The first stage of Davening is even before one begins to say the first words.

## Translations...טייטש'ן

| | | |
|---|---|---|
| 5 | Known | באוואוסט |
| | Difference between | אונטערשייד צווישן |
| | A ladder positioned on the ground | סולם מוצב ארצה |
| | Many elevations | כמה וכמה עליות |
| | Every | יעדער |
| | Previous situation | פריערדיקן מצב |
| | Nevertheless | פונדעסטוועגן |
| | Not enough | ניט גענוג |
| | Must | דארף |
| 6 | Preparation | הכנה |
| | Without any limitations | הבלתי בעל גבול |
| | Beyond/not limited to any specific purpose | בלתי בעל תכלית |
| | Finds himself | געפינט זיך |
| | When he is "dirty" | כשמלוכלך |
| | How can he | ווי זאל ער |
| | Stand up to Daven | שטעלן דאווענען |
| | He must | מוז ער |
| | First free himself | פריער באפרייען |
| | His entire existence | זיין גאנצער מציאות |
| | Then | דאן |
| | Even before | נאך איידער |
| | Began | אנגעהויבן |
| | Puts on | טוט אן |
| | With that alone | דערמיט אליין |
| | Becomes refined | ווערט מזוכך |
| | Relieve himself and wash his hands | יפנה ויטול ידיו |
| | Remove from himself | ארויסנעמען פון זיך |
| | Filth/junk | פסולת |
| | Only | נאר |
| | Nothing there | גארנישט |
| | Before | פאר |
| 7 | Nevertheless | פונדעסטוועגן |
| | With this itself | דערמיט אליין |
| | Not yet fulfilled/finished | נאך ניט יוצא |
| | Then | דעמאלט |
| | He goes out | גייט ער ארויס |
| | After his preparation | נאך זיין הכנה |
| | Itself | גופא |
| | Is divided | טיילט זיך |
| | Four stages | ד' שליבות |
| | Still | נאך אלץ |

וואָס דאָרטן איז דער תכלית העילוי, ער גייט אַרויס אינגאַנצן פון זיין מציאות (וועלכע ס'זאָל נישט זיין, אויך פון אַ מציאות וואָס איז אויס־געאיידלט על ידי עבודתו בכל המד־ריגות הקודמות), און ער שטייט בבי־טול במציאות כעבדא קמי' מארי', אַז ער איז גאָרניט קיין מציאות, און זאָגט: אד' שפתי תפתח ופי יגיד תהלתך, דער אויבערשטער זאָל עפענען מיינע ליפּן און איך וועל ניט מער ווי נאָכזאָגן[8]).

8 ג. וואָס דערפאַר זעט מען אַז אין שמונה עשרה זיינען פאַראַן צוויי ענינים הפכיים: א) ביטול בתכלית; ער איז גאָרניט קיין מציאות, נאָר כעונה אחרי הקורא, ב) בקשת צרכיו, און ניט נאָר צרכיו הרוחניים, נאָר אויך צרכיו הגשמיים. אין פסוקי דזמ־רה וברכות קריאת שמע וקריאת שמע, איז ניטאָ קיין בקשת צרכיו הגש־מיים (ווײַלע ער איז אויסגעטאָן פון זיין מציאות כנ"ל). אין שמונה עשרה דוקא איז בקשת צרכיו הגשמיים.

דער ענין איז: מצד תכלית העילוי קען דאָרטן זיין אַ התכללות פון צוויי ענינים הפכיים, און ווי מען האָט גערעדט אין מאמר, אַז במקום עליון יותר איז די התכללות ביותר. וואָס דאָס איז אַ מעין פון דעם גילוי דלעתיד, וואָס דעמאָלט וועט זיין וראו כל בשר, אַז ג־טלעכקייט וועט דער־הערט ווערן אויך אין דעם בשר הגשמי, התכללות ב' הפכיים.

9 ד. אָבער ניט קוקנדיק וואָס שמונה עשרה איז דער תכלית העילוי, איז אויף מאָרגן, דאַרף מען זיך ערשט שטעלן דאַווענען, אָנהויבנדיק פון דער הכנה לתפלה, דערנאָך הודו, פסוקי דזמרה וכו' — וואָרום ווי הויך ער איז ניט צוגעקומען נעכטן, איז דאָס נאָך אַ מיצר לגבי דער מדריגה וואָס ער דאַרף צוקומען היינט.

10 און אַזוי ווי עס איז אין עבודת התפלה, אַזוי איז בכללות העבודה. אַ מענטש דאַרף זיין אַ מהלך. אַפילו נאָכן אַרויסגיין לגמרי פון רע און ווי הויך ער איז ניט צוגעקומען, דאַרף ער וויסן אַז עס איז נאָך ניט גענוג, ווייל לגבי אַ העכערער מדרי־גה, האָט ער נאָך אַלץ אַ שייכות צו רע,

— אַ ראי' אויף דעם קען ער זיך ברענגען פון דעם וואָס ער זעט נאָך אין אַ זולת די מציאות הרע. עס איז דאָך באַוואוסט דער מאמר הבעל שם טוב נ"ע[9]), אַז אַ מענטש זעט רע אין אַ צווייטן, איז אַ באַוויי אַז ער אַליין פאַרמאָגט דעם זעלבן רע, בדקות על כל פנים —

11 און ער דאַרף אַרויסגיין אויך פון דעם. מען דאַרף האַלטן אין איין טאָן אויף מזכך זיין דעם בשר הגשמי — ניט ברעכן אים דורך תעניתים וסיגופים, נאָר אויסאיידלען אים, ווי עס איז באַוואוסט דער מאמר הבעל שם טוב נ"ע אויפן פסוק[10]) כי תראה חמור שונאך — באַלד ווי ער שטייט אויף אין דערפרי, זאָל ער איינ־

---

8) תהלים נא, יז. אלשיך דאָרט. לקוטי תורה שיר השירים ב, ג. ספר המאמרים תרכ"ז עמוד תלו.

9) זע ספר השיחות קיץ ה'ש"ת ע' 83.

10) שמות כג, ה. זע היום יום כח שבט.

The very fact that someone is standing up prepared for Davening is an Avoda of its own. Every person knows where he is holding, and is aware of his own imperfections, and now he must stand in front of the Master of the universe and talk to Him. This knowledge alone, demands that a person remove any undesirable traits that may be found within him, and leave his own "Mitzrayim". He must remove any actual evil found within him, and additionally he must disconnect himself from any impurity, however distant it may seem from his actions.

7 **Following this first "Yetzias Mitzrayim,"** one must actually begin to Daven. Throughout every stage of Davening he reaches new heights, that reveal how the previous level was still "Mitzrayim".The climax of the entire Davening is when he reaches Shmone Esrei, where he totally removes himself from his own existence, however refined it may be, and stands before Hashem like a servant in front of his master. This is the reason why one begins Shmone Esrei by asking Hashem to "open my lips", because on his own, he has nothing to say.

8 **During Shmone Esrei we find a very** interesting paradox. On the one hand, it is a time when a person completely nullifies his own identity and totally unifies himself with Hashem. On the other hand, it is the only time throughout davening that a Jew asks Hashem for his personal needs, even physical ones. The reason for this is: When a person is totally united with Hashem, asking for his own personal necessities does not contradict that fundamental bond. He is on such a lofty level, that rather than physicality disturbing his communication with Hashem, this enhances his service. We also see this concept regarding the era of Moshiach, when we will be on such a high spiritual level, that our physical and spiritual elements will enhance one another.

## Translations. . .טייטש'ן

| | | |
|---|---|---|
| | There | דארטן |
| | Completely | אינגאנצן |
| | Whatever it may be | וועלכע ס'זאל נישט זיין |
| | Refined | אויסגעאיידלט |
| 9 | Like a servant before his master | כעבדא קמי' מארי' |
| | Open my lips | עפענען מיינע ליפן |
| | Say after/repeat | נאכזאגן |
| 8 | We see/find | זעט מען |
| | Opposite ideas | ענינים הפכיים |
| | Absolutely not an existence for himself | גארניט קיין מציאות |
| | Like one repeats after the reader | כעונה אחרי הקורא |
| 10 | Asking for his needs | בקשת צרכיו |
| | Undressed/removed | אויסגעטאן |
| | Integration | התכללות |
| | Like we spoke | ווי מען האט גערעדט |
| | Similar/kind of | מעין |
| | And all the flesh will see | וראו כל בשר |
| | Become sensed/felt | דערהערן ווערן |
| 9 | Notwithstanding the fact | ניט קוקנדיק |
| | Tomorrow | מארגן |
| | Beginning | אנהויבנדיק |
| | Was reached yesterday | צוגעקומען נעכטן |
| | Still a limitation | נאך א מיצר |
| | He must reach today | ער דארף צוקומען היינט |
| 10 | Constantly moving | מהלך |
| | Completely going out of "bad" | נאכן ארויסגיין לגמרי |
| | He must know | דארף ער וויסן |
| | Still not enough | נאך ניט גענוג |
| | Still | נאך אלץ |
| | Still sees | זעט נאך |
| | Another person | זולת |
| | A proof | א באווייז |
| | Possesses | פארמאגט |
| | At least in a slight form | בדקות על כל פנים |
| 11 | Be involved in | האלטן אין איין |
| | Not to break | ניט ברעכן |
| | Fasts and suffering | תעניתים וסיגופים |
| | Refine it | אויסאיידלען אים |
| | Known | באוואוסט |
| | Right away | באלד |
| | When he wakes up | ווי ער שטייט אויף |
| | In the morning | אין דערפרי |
| | He should | זאל ער |

**שפּאַנען זיין חמור, ד. ה. דעם חומר, וואָס דורך דעם דוקא, קאָן מען צו־קומען צום גילוי דלעתיד, אַז וראו כל בשר, אַז דער בשר הגשמי וועט אַזוי פיל אויסגעאיידלט און אויס־געלייטערט ווערן, ביז ער וועט זען אלקות.**

ה. קאָן מען דאָך טענה׳ן ביי זיך, איך האָב געגוג געהאָרעוועט מיט זיך ביז איך בין פּטור געוואָרן פון דעם אָפּענעם און גראָבן רע, און איך שטיי שוין אויף אַ הויכער מדריגה, ווער זאָגט עס אַז איך דאַרף ווייטער האָרעווען? עס איז מיר גענוג די מדריגה אין וועלכער איך געפין זיך.

זאָגט מען אים, אַז די אויפגאַבע און דער ענין האדם איז, ער זאָל זיין אַ מהלך און ניט קיין עומד, און יעדער טאָג וואָס דער אויבערשטער גיט אים, דאַרף ער אין אים ממלא זיין זיין תפקיד בעולם, כמ״ש ימים יוצרו ולו אחד בהם[11].

און דאָס איז די הוראה פון דעם ענין פון די מסעות, מען זאָל זיך קיינמאָל ניט באַנוגענען מיט דער מדריגה ביי וועלכער מען האַלט כנ״ל.

ו. פון דער אַנדער זייט איז די הוראה פון דעם ענין המסעות: אַפילו בשעת מען געפינט זיך בשפל המצב ביותר ובמדריגה פחותה ביותר, זאָל מען זיך קיינמאָל ניט מייאש זיין, וואָרום דורך עבודה קאָן מען אַלע־מאָל אַרויסגיין פון דעם מצב אין וועלכן מען געפינט זיך, און צו־קומען צו די סאַמע העכסטע מדרי־גות.

מען זאָל ניט טראַכטן ביי זיך, וויבאַלד איך געפין זיך אין אַזאַ ני־דעריקן מצב, דידע אינש בנפשי׳, איז אומזיסט מיין גאַנצע האָרעוואַניע — אויף דעם איז די הוראה פון דעם ענין המסעות, אַז אַפילו מיט איין מסע אַליין קאָן מען אַרויסגיין פון מצרים און קומען אין ארץ טובה ורחבה (לגבי זיין איצטערדיקער מד־ריגה, און דורך דעם גיין ווייטער און ווייטער, ביז צום תכלית העילוי).

און מה דאָך דעמאָלט, וואָס די אידן זייענדיק אין מצרים זיינען גע־ווען משוקע אין מ״ט שערי טומאה[12], און ס׳איז אויך געווען פאַר מתן תורה, וואָס דעמאָלט איז נאָך געווען די גזירה אַז עס קאָן ניט זיין דער חיבור פון רומי מיט סוריא[13]), פונ־דעסטוועגן, איז דורך די מסעות, זיי־נען זיי צוגעקומען אל ארץ טובה ורחבה,

מכל שכן איצטער, וואָס ווי נידע־ריק מען זאָל ניט זיין, איז דאָך די עבודה אַ סך אַ קלענערע, וואָרום עס זיינען געבליבן מער ניט ווי פּכים קטנים, ובפרט אַז מען האָט אַ נתינת כח אויף דעם פון מתן תורה שעמד וביטל הגזירה, אַז עס קאָן זיין דער חיבור פון עליונים ותחתונים, ובפרט אַז עס איז פאַראַן דער ענין ההת־קשרות פון אַ רבי׳ן מיט חסידים, אַז דער רבי — כ״ק מו״ח אדמו״ר — פאַרבינדט אַ אידן מיט עצמות,

11) תהלים קלט, טז. רשימות הצמח צדק דאָרט. ושם נסמן.

12) זהר חדש אָנפאַנג פרשת יתרו. תיקוני זהר תיקון לב.

13) שמות רבה פרשה יב, ג.

9 **After completing such a Davening,** where a person climbed to greater and greater heights without stopping, he might think that he has reached his peak. Nevertheless we find that the next day he has to get up and do the whole thing all over again, starting from the beginning. For however high he has reached yesterday, today he must reach even higher, and he is still considered to be in Mitzrayim.

10 **The same concept applies to all** areas of Avoda: a person must continuously grow. One should constantly be aware that there are yet higher levels to be achieved and he hasn't yet reached perfection. A clear proof that he is still imperfect is from the fact that he still sees faults in others. The Baal Shem Tov said that when someone sees a weakness in someone else, that is a sign that he struggles with that same issue himself. So as long as someone still sees others as incomplete, he must know that he must continue to grow and achieve.

11 **One should constantly bear in** mind, that while he is on his spiritual journey he must not attempt to "break" his physicality in order to achieve spiritual perfection. The Baal Shem Tov explained that a person must rather *refine* his physicality in order to use it to his spiritual benefit. Only through such Avoda, will we merit the revelation of Moshiach, when our physical eyes will actually see the G-dliness that surrounds us. May it be speedily in our days!

## Translations. . .טייטש'ן

Harness . . . . . . . . . . . אײנשפאנען
This means . . . . . (=דאס הייסט) ד.ה.
The physicality . . . . . . . . . . חומר
One can come to . . . . . . . . . . . . . קען מען צוקומען
To such an extent . . . . . . אזוי פיל
Become purified . . . . . . . . . . . . . . . . אויסגעלייטערט ווערן
See . . . . . . . . . . . . . . . . . . . . זען

וואָס דאָרטן איז דער תכלית העילוי, ער גייט אַרויס אינגאַנצן פון זיין מציאות (וועלכע ס'זאָל נישט זיין, אויך פון אַ מציאות וואָס איז אויסגעאיידלט על ידי עבודתו בכל המדריגות הקודמות), און ער שטייט בביטול במציאות כעבדא קמי' מארי', אַז ער איז גאָרניט קיין מציאות, און זאָגט: אד' שפתי תפתח ופי יגיד תהלתך, דער אויבערשטער זאָל עפענען מיינע ליפּן און איך וועל ניט מער ווי נאָכזאָגן[8].

ג. וואָס דערפאַר זעט מען אַז אין שמונה עשרה זיינען פאַראַן צוויי ענינים הפכיים: א) ביטול בתכלית; ער איז גאָרניט קיין מציאות, נאָר כעונה אחרי הקורא, ב) בקשת צרכיו, און ניט נאָר צרכיו הרוחניים, נאָר אויך צרכיו הגשמיים. אין פסוקי דזמרה וברכות קריאת שמע וקריאת שמע, איז ניטאָ קיין בקשת צרכיו הגשמיים (ווייל ער איז אויסגעטאָן פון זיין מציאות כנ"ל). אין שמונה עשרה דוקא איז בקשת צרכיו הגשמיים.

דער ענין איז: מצד תכלית העילוי קען דאָרטן זיין אַ התכללות פון צוויי ענינים הפכיים, און ווי מען האָט גערעדט אין מאמר, אַז במקום עליון יותר איז די התכללות ביותר. וואָס דאָס איז אַ מעין פון דעם גילוי דלעתיד, וואָס דעמאָלט וועט זיין וראו כל בשר, אַז ג־טלעכקייט וועט דערהערט ווערן אויך אין דעם בשר הגשמי, התכללות ב' הפכיים.

ד. אָבער ניט קוקנדיק וואָס שמונה עשרה איז דער תכלית העילוי, איז אויף מאָרגן, דאַרף מען זיך ערשט שטעלן דאַוונען, אָנהויבנדיק פון דער הכנה לתפלה, דערנאָך הודו, פסוקי דזמרה וכו' — וואָרום ווי הויך ער איז ניט צוגעקומען נעכטן, איז דאָס נאָך אַ מיצר לגבי דער מדריגה וואָס ער דאַרף צוקומען היינט.

און אַזוי ווי עס איז אין עבודת התפלה, אַזוי איז בכללות העבודה. אַ מענטש דאַרף זיין אַ מהלך. אַפילו נאָכן אַרויסגיין לגמרי פון רע און ווי הויך ער איז ניט צוגעקומען, דאַרף ער וויסן אַז עס איז נאָך ניט גענוג, ווייל לגבי אַ העכערער מדריגה, האָט ער נאָך אַלץ אַ שייכות צו רע.

— אַ ראַי' אויף דעם קען ער זיך ברענגען פון דעם וואָס ער זעט נאָך אין אַ זולת די מציאות הרע. עס איז דאָך באַוואוסט דער מאמר הבעל שם טוב נ"ע[9], אַז אַ מענטש זעט רע אין אַ צווייטן, איז אַ באַווייז אַז ער אַליין פאַרמאָגט דעם זעלבן רע, בדקות על כל פנים —

און ער דאַרף אַרויסגיין אויך פון דעם. מען דאַרף האַלטן אין איין טאָן אויף מזכך זיין דעם בשר הגשמי — ניט ברעכן אים דורך תעניתים וסיגופים, נאָר אויסאיידלען אים, ווי עס איז באַוואוסט דער מאמר הבעל שם טוב נ"ע אויפן פסוק[10] כי תראה חמור שונאך — באַלד ווי ער שטייט אויף אין דערפרי, זאָל ער איינ־

---

8) תהלים נא, יז. אלשיך דאָרט. לקוטי תורה שיר השירים ב, ג. ספר המאמרים תרכ"ז עמוד תלו.

9) זע ספר השיחות קיץ ה'ש"ת ע' 83.

10) שמות כג, ה. זע היום יום כח שבט.

## A selected section of the Sicha with a linear translation

| | |
|---|---|
| of the evil, | פון רע |
| and however high | און ווי הויך |
| he has reached, | ער איז ניט צוגעקומען |
| he must know | דארף ער וויסן |
| that it is still not enough, | אז עס איז נאך ניט גענוג |
| because relative to a higher level | ווייל לגבי א העכערער מדריגה |
| he still has | האט ער נאך אלץ |
| a connection to evil. | א שייכות צום רע |
| A proof for this (that he still has connection to evil) | א ראי' אויף דעם |
| he can bring | קען ער זיך ברענגען |
| from the fact | פון דעם |
| that he still sees | וואס ער זעט נאך |
| in others | אין א זולת |
| the existence of evil. | די מציאות הרע |
| It is known | אס איז דאך באוואוסט |
| the saying of the Baal Shem Tov | דער מאמר הבעש"ט נ"ע |
| "when a person | אז א מענטש |
| sees evil in another | זעט רע אין א צווייטן |
| it is a proof | איז א באווייז |
| that he himself | אז ער אליין |
| possesses the very same evil, | פארמאגט דעם זעלבן רע |
| at least in a slight form". | בדקות על כל פנים |

## Translations. . .טייטשן

| | |
|---|---|
| But notwithstanding the fact | אבער ניט קוקנדיק |
| that Shmone Esrei | וואס שמונה עשרה |
| is the ultimate climax, | איז תכלית העילוי |
| (still) tomorrow | איז אויך מארגן |
| he must | דארף מען זיך |
| "set himself" to Daven (all over again), | ערשט שטעלן דאווענען |
| beginning | אנהויבנדיק |
| from the preparations of Davening, | פון דער הכנה לתפלה |
| and afterwards Hodu, | דערנאך הודו |
| P'sukei D'zimra etc. | פסוקי דזמרה וכו' |
| Because however high | ווארום ווי הויך |
| he had reached yesterday | ער איז ניט צוגעקומען נעכטן |
| is still considered a "limitation" | איז דאס נאך א מיצר |
| in regard to the level | לגבי דער מדריגה |
| to which he must reach | וואס ער דארף צוקומען |
| today. | היינט. |
| And just as this is | און אזוי ווי דאס איז |
| in the concept of Davening, | אין עבודת התפלה |
| same (would apply) in the general service of Hashem. | אזוי איז בכללות העבודה |
| A person must be | א מענטש דארף זיין |
| one that is constantly "going" (higher). | א מהלך |
| Even after | אפילו נאכן |
| completely going out | ארויסגיין לגמרי |

4 How come we ask for our necessities specifically during Shmone Esrei?

5 How can one know for certain that he still has what to be worked on?

6 In a person's spiritual journey, what is meant to be done with the physical aspects?

1 What are the first two questions the Rebbe asks?

2 What is the answer?

3 Explain how we see this in Davening:

## Notes & Feedback:

BACK2**BASICS**

seeing the Parsha like the Rebbe does

SUBSCRIPTION OR SPONSORSHIP: B2BSICHOS@GMAIL.COM

Cover:
**Leibel Krinsky**

Content:
**Dovid Rachmani**

Layout:
**Menachem Aron**

© B2B Sichos